וועש און זייף. אַט קומט חנוכה, און די וואָס האָבן אליין אזויפיל דורכגעליטן גרייטן מתנות פאר קליינע קינדער פון די יעניקע, וועלכע ליידן נאָך אליין.

דער פאל ווערט נענוי דערציילט דערפאר, ווייל דאָס שאפט א בילד פון דעם טאָג טעגלעכן לעבן פון די באפרייטע אין אייראָפּע.

עס איז געוועזן אונמעגלעך אויפן נאָרמאלן וועג צו באקומען זייף און וועש פאר אזא גרויסע צאָל מענטשן; די געהעריקע אנשטאלטן האָבן זיך ניט אָפּגערופן אויפן ווענדונג פון קאָמיטעט. דעריבער האָט מען זיך גענומען שאפן די דאָזיקע זאכן אויף אן אנדער וועג. מען ווענדעט זיך צו די יידישע זעלנער פון דער אמעריקאנער ארמיי, זיי זאלן העלפן מיט וואָס זיי קענען נאָר. ס'האָבן אָנגעהויבן שטראָמען פאקעטן מיט זייף, קליידער, טלתים און תפילין, אָבער דאָס קלעקט אליין ניט. א געוויסע טייל פון אונדזערע גוטע פריינט האָבן כלל פארלוירן די פארשטענדניש פאר דער נויט פון זייערע ברידער אין אייראָפּע און האָבן געשיקט קליידער, וואָס שוין ביים אָנזען — רופן זיי ארויס א ביטערן געפיל.

דער איינפלוס פון קאָמיטעט האָט זיך פונאנדערגעוואקסן פאָליטיש. באזונדערס איז געשטיגן זיין אויטאָריטעט מיט זיין אָפּוואַרפן דעם פאָרשלאג פון דער בריטישער רעגירונג אריבערצוברענגען די יידישע קינדער פון ביירן קיין ענגלאַנד אויף אן אומבאגרענעצטער צייט, ביז זייער עליה קיין א"י. צו אזא האנדלונג האָט באוויגן דעם קאָמיטעט דער ענגלישער שטאנדפונקט וועגן עמיגראציע פון יידן קיין א"י.

די וואָך איז דערשינען דער זעכצענטער נומער פון דער צייטונג „אונדזער וועג“, וועלכע ס'גיט ארויס דער קאָמיטעט. זי דערשיינט ווי א וונדער יעדן פרייטיק. געשאפן האָט מען דעם בלאט, באנוצנדיק בלויז א קעסטל אלטע יידישע שריפט, וואָס מען האָט געפונען ערגעץ פארזוקט אין א דייטשער דרוקעריי. מען האָט דערפון אָפּגענאָסן נייע שריפט און אכט ענטוזיאסטן האָבן אין אן ענגן צימערל, ווו עס האָט קוים געקאָנט אויפגענומען ווערן איין באזוכער, אָנגעהויבן ארבעטן. די וואָכנצייטונג דערשיינט רעגלמעסיג אין יידיש און יעדע צוויי וואָכן דער זשורנאל „הניצון“ וואָס דער מרכז הציוני גיט ארויס.

די געשיכטע פון קאָמיטעט איז ניט די געשיכטע פון די מענער וואָס זיינען געקומען קיין מינכען מקריב זיין זייערע כוחות פאר דער ארבעט פון כלל. די געקומענע האָבן זיך ניט אָפּגעשראָקן פארן שוין צופיל באשיידענעם ווינקל אין דייטשן מוזעאום, פארן שלאָפן דאָרטן אויף די הארטע בענק, אויך ניט פאר די שלעכטע שפייז, וועלכע מען פלעגט אזוי ניט רעגלמעסיק באקומען. פון 15 איז דער פערסאָנאל פון קאָמיטעט געוואקסן אויף 113.

יעדע טעטיקייט האָט איר צוגעפאסטע צייט. עס קען דעריבער צ. ב. ניט פארגליכן ווערן לויט דער וואָניקייט די טעטיקייט אין די שפיטאָלן מיטן דערשיינען פון „אונדזער וועג“, אָדער די ארבעט פון „זוך-דינסט“ מיט דער טעטיקייט פון דער ניי-געשאפענער היסטארישער קאָמיסיע. אלץ פון דעם דערמאָנטן איז פאר אונדז וויכטיק און שאפט אן אלגעמיינעם בילד פון דער טעטיקייט פון צ. ק.

א גענויערע געשיכטע וועגן דער ארבעט פון קאָמיטעט מיט די אלע איינצלהייטן, דערציילט אין דער דראמאטישער פאָרם ווי עס פארדינט און פאכט פאר אזא ענין — דאָס פאָדערט נאָך געדולד.

די קורצע באמערקונגען, וואָס זיינען פארביי־ייענדיק פארצייכנט געוואָרן, דערציילן נאָר אין בלאסע שטריכן וועגן דער איבערגעגעבענער ארבעט פון די קאָמיטעט מיטגלידער און מיטארבעטער, וועלכע זשאַלעווען ניט זייער מי און פרייע טעג צו דערנענטערן דעם טאָג פון אמתער פרייהייט פאר די באפרייטע יידן אין אייראָפּע.

הרב טשאפליין אברהם י. קלאוזנער.

דייטשלאנד־מינכען, 25.1.1946

---

דייטשלאַנד, קען פֿאַרשריבן ווערן אונטערן קעפּל „ווילט איר גוט זיין, טאָ הערט אויף"...

די פּראָבלעמען, וועלכע דער קאָמיטעט האָט געהאַט צו לייזן אין די ערשטע מאָנאַטן פֿון זיין טעטיקייט, זיינען געווען פֿאָלגנדע: צו־זאַמענבריינגען און פֿאַרבינדן די משפּחה־רעשטלעך. צענויפֿגרופּירן די יידן אין באַזונדערע לאַגערן; אָנערקענען די קאַטעגאָריע „שטאַטלאָז", מאַכן אַן אונטערשייד צווישן פֿיינטלעכע אויסלענדער; און צווישן יידן פֿון פֿיינטלעכע לענדער; שאַפֿן מעגלעכקייטן, אַז די קרבנות זאָלן זיך קענען פֿאַרשטענדיקן מיט זייערע קרובים אין אויסלאַנד; אָרגאַניזירן אַ קולטורעלן און רעליגיעזן פּראָגראַם; שאַפֿן עסנוואַרג און קליידער, מעדיצינישע אויפֿזיכט און סאַניטאַרע באַדינגונגען.

דער קאָמיטעט אונטערשטיצט דורכן האַריסאָן ראַפּאָרט, אַרבעט איבער דער לייזונג פֿון די פּראָבלעמען. עס קומט די צייט, ווען עס ווערט אָנערקענט דער אויסדרוק „שטאַטלאָז". ס'ווערן איינגעאָרדנט סעפּעראַטע לאַגערן פֿאַר יידן, און יידן פֿון פֿיינטלעכע לענדער ווערן באַהאַנדלט ווי פֿאַרשלעפּטע. מיט דער הילף פֿון אַמעריקאַנער יידישע ציימונגען און טויזנטער בריוו, וועלכע קומען אָן צו די יידישע אָרגאַניזאַציעס, ווערט איינגעשטעלט אַ קאָנטאַקט צווישן די קרבנות מיט זייערע קרובים אין אויסלאַנד.

די הויפּט־זאָרגן פֿון די ווייטערדיקע מאָנאַטן זיינען: דערנערונג, קליידונג און וווין־ערטער. דאָס איז אין דער צייט, ווען עס באַווייזט זיך דער „דזשוינט" און הייבט אָן צו אַרבעטן געמיינזאַם מיטן צענטראַל קאָמיטעט, כדי דורכצופֿירן זיין פּראָגראַם. אין דעם דאָזיקן צווייטן צייט־אָפּשניט לאָזן זיך אַרונטער אַהער פֿיל אויסלענדער אויף שטודירן דאָ די לאַגע.

צו אַלעמענס אַנטוישנדיקונג מוז געזאָגט ווערן, אַז אַ באַריכט פֿון דער איצטיקער לאַגע וועט ווייזן, אַז אין די דריי גרויסע לאַגערן מיט אַ קאַפּאַציטעט פֿון צען טויזנט, לעבן איצט פֿיפֿצן טויזנט מענטשן. קאָרידאָרן, קעלערן און בוידעמער ווערן אויסגענוצט אויף שלאָף־ערטער. באַשפּייזונג ווערט צעטיילט פֿון די פּאַקעטן פֿון „רויטן־קרייץ". שטענדיק איין און די זעלבע קאָנסערוון־שפּייזן, פֿאַרמאָגן אין זייער טעגלעכער ראַציאָן קוים 1900 קאַלאָריען באַקליידונג איז נאָך אַלץ אַ פּראָבלעם דאָס ביסל וואָס מען האָט געקראָגן, איז פּשוט אומטראָגבאַר.

פֿאַר די לעצטע עטלעכע מאָנאַטן איז אַנטשטאַנען פֿאַרן צ. ק. נאָך אַ נייער ערנסטער פּראָבלעם: אַ מאַסן־וואַנדערונג פֿון די פּוילישע יידן אין דער אַמעריקאַנער זאָנע אַריין. די געציילטע יידן־קאַצעטלער, וועלכע קערן זיך צוריק נאָך יאָרן פּיין, דאָס הייפֿל פּאַרטיזאַנער, וועלכע אײַלט אַהיים נאָך די העלדישע קאַמפֿן, באַגעגנט זיך דאָרט מיט אַ כוואַליע פּאָגראָמען, וועלכע טרייבט זיי פֿון די קליינע שטעטלעך אין דער גרויסער שטאָט אַריין און פֿון דאָרט נאָך לאַנגע און שווערע מאַטערנישן צו דער איינציקער רעטונג, אין דער אַמעריקאַנער זאָנע.

טויזנטער זיינען שוין אָנגעקומען. זיי קומען צופֿוס, אין מאַשינען און צוגן. זיי קומען ווי געיאָגטע. די לעצטע וואָכן זיינען אָנגעקומען דריי הונדערט אין אַ לאַסט־צוג, אין וועלכן זיי האָבן זיך אָפּגעוואַלגערט פֿיר וואָכן. 35 קמ. פֿון מינכען האָט מען דעם טראַנספּאָרט אָפּגעהאַלטן. דער צוג איז אָפּגעפֿירט געוואָרן אויף אַ זייט־גלייז, ווי ער איז געשטאַנען 2 טעג. פֿון צייט צו צייט האָט מען די אומגליקלעכע צוגעוואָרפֿן אַ שטיקל טרוקן שוואַרצן ברויט. 2 קינדער זיינען אין צוג געבוירן געוואָרן. איין קינד איז געשטאָרבן.

דער צ. ק. דערוויסט זיך וועגן דעם טראַנספּאָרט. ס'ווערט דעלעגירט אַ פֿאָרשטייער, וועלכער נאָך לאַנגע ריידערייען און שתּדלנות באַקומט די דערלויבעניש אַרויסצונעמען פֿון דאָרט די קראַנקע און קינדער און זיי אָפּלייגן אין איינעם פֿון אונדזערע שפּיטעלער. נאָך אַ לאַנגן איינטענה'ען מיטן מיליטער־פּערסאָנאַל ווערן אין 12 שעה אַרום אויך די איבעריקע אַריינגעלאָזן קיין מינכען. דאָ נעמט זיי איבער דער קאָמיטעט און „דזשוינט" און באַזעצן זיי צייטווייליק אין דייטשן מוזעאום עלנטע אין אויכגעשעפּטע, אין שטאָטעס איינגעדרייטע, צעשראָקענע פֿון דעם פֿרעמדן אַרום מוזן זיי טעג גאַנצע וואַרטן אויף אַ שטיקל אָרט ווי זיי זאָלן זיך קענען אָפּרוען ביז די וועלט וועט באַשליסן זייער גורל. זיי מוזן ווערן געבאָדן. דער געזונטהייטס־אָפּטיילונג גרייט צו פֿאַר זיי אַ באָד. דער ווירטשאַפֿטס־אָפּטיילונג פֿאַרזאָרגט מיט

זיינען געווײלט געוואָרן פאַרשטייער, וואָס האָבן עס געדאַרפט פאַרטרעטן די אינטערעסן פון די געוו. קאַצעטלער ביי די היגע מאַכט-אָרגאַנען און מיליטער רעגירונג.

די דערעפנונגס-זיצונג איז געווען באַהערשט דורך דער איבערצייגונג, אַז עס מוז געשאַפן ווערן אַן אָרגאַניזאַציע, וואָס זאָל מיטהעלפן צוריק אויפבויען די יידן, וועלכע זיינען פאַרשלעפט געוואָרן קיין דייטשלאַנד. אויף דער דאָזיקער ערשטער קאָנפערענץ זיינען געקומען פאַרשטייער פון איבער פערציק גרופּעס. עס איז אויסגעקליבן געוואָרן אַ ראַט, וועלכער האָט פון זיך אויסגעווײלט אַ צענטראַל-קאָמיטעט. די אַרבעט פון קאָמיטעט איז איבערגעגעבן געוואָרן דער פערוואַלטונג, וואָס איז באַשטאַנען פון 5 פּערזאָן.

דער קאָמיטעט האָט זיין אַרבעט אָנגעהויבן אין אויסגעבאָמבטן און חרובן דייטשן מוזעאום אין מינכען. ווי אַן איראָניע פון שיקזאַל איז עס געווען, ווייל לויט היטלערס צוזאָגן ווען זיין פּראָגראַם וואָלט פאַרווירקלעכט געוואָרן, וואָלט מען אַ יידן געקענט טרעפן נאָר אין אַ מוזעאום.

די ערשטע ביוראָען פון קאָמיטעט האָבן זיך געפונען אין אַ לאַנגן צעבאָמבאַרדירטן זאַל, ווו די פענסטער און ראַמען זיינען געווען אין גאַנצן צעבראָכן. איינציקע טעג פאַר דער גרינדונג פון קאָמיטעט האָט פּאַסירט פאָלגנדער פאַל: דרייצן הונדערט יידן האָבן באַקומען אַ באַפעל זיך צוגרייטן אויף אַריבערצופאָרן אין אַ לאַגער, וועלכער געפינט זיך ביי צוויי הונדערט פופציק קמ. צפונדיק פון מינכען. די יידן זיינען געווען שוין גענוג מיד און אויסגעמאַטערט. קלייבנדיק זיך פון איין לאַגער אין צווייטן. דערצו איז זיי נאָך געווען פריש אין זכרון דאָס מאַרשירן איבער די אַן אַ צאָל קאָנצענטראַציע לאַגערן אין משך פון די פינצטערע יאָרן פון זייערע פאַרפאָלגונגען. זייער לאַגע איצט איז אַזוי אַרום אויך ניט געווען קיין פיל בעסערע. קיין קליידונג איז נאָך אַלץ ניט געווען. דערנערונג קוים-קוים גענוגנט, און די פרייהייט, וועלכע זיי האָבן באַקומען איז געווען נאָר אַ פרייהייט פון טויט — ניט מער. די יידן האָבן זיך ניט געוואָלט ריזן פון אָרט. נאָר 24 האָבן זיך געלאָזן אין וועג. אין אַ פּאָר וואָכן אַרום האָבן זיך אויך די צוריקגעקערט שוין ניט 24 נאָר 25. דאָ, ווו הין מען האָט זיי געשיקט, איז גאָר געווען אַ פּוילישער מקום. אויפן צוריקוועג האָבן זיי געטראָפן אַ יידישע פרוי, וועלכע זיי האָבן מיטגענומען אַהער.

די פירער פון די באַפרייטע לאַגערן זיינען געקומען קיין מינכען, בכדי געמיינזאַם איינצואָרדנען דעם קאָמיטעט. האַלץ האָט מען „אָרגאַניזירט“, מעבל „באַפרייט“ און אין די צימערן אַריינגעבראַכט אַ וועלכע ניט איז אָרדנונג. אַלץ האָט מען שנעל גרייט געמאַכט צום אויפנעמען דעם שטראָם עלנטע, וואָס האַלט זיך אין איין פאַרגרעסערן.

וועלנדיק צוזאַמענברענגען די רעשטלעך פון די פאַרבליבענע משפחות און דערמיט זיין באַהילפיק די מענטשן אין אָפגעפינען זייערע נאָענטסטע ווי אויך אַ סוף מאַכן צום אומגעצלעכן און פּלאַנלאָזן אַרומשפּאַנען איבער די וועגן, האָט דער צ. ק. אָנגעהויבן זיין טעטיקייט צוזאַמענשטעלנדיק רשימות פון די לעבן-געבליבענע יידן אין בייערן. עס זיינען אָפגעדרוקט געוואָרן 5 בענדער מיט רשימות אונטערן נאָמען „שארית הפליטה“. די איצטיקע נייע אויפגאַבע נעמט אַריין אין זיך אויך די פריערדיקע רשימות.

דער קאָמיטעט האָט אָנגעהויבן זיין אַרבעט מיטן געדאַנק, אַז אין פאַרלויף פון דער נאָענטסטער צייט וועט דאָס יידן פּראָבלעם געפינען די פולע אָנערקענונג. יעדער פּרוּוו צו פּלאַנען אָדער אָרגאַניזירן די אַרבעט אויף אַ האַלב פּערמאַנענטן באַזיס פלעגט פון קאָמיטעט אָפּגעוואָרפן ווערן. די שיטה איז אָנגענאַנגען ביז די אַרבעטער-פּאַרטיי אין ענגלאַנד האָט פאַרעפנטלעכט איר שטעלונג צו דער יידן-פראַגע אין ארץ ישראל.

אין משך פון די ערשטע 3 מאָנאַטן נאָך דער באַפרייאונג איז דער קאָמיטעט געווען איינזאַם אין זיין טעטיקייט. פון צייט צו צייט פלעגט פון דער אויסן-וועלט אָנקומען אַ וואָרט פון האָפענונג. וואָס פלעגט פּלאַצן ווי אַ זייפן-בלאָז מיטן אָנקום פון נויט-מאָמענט. ווען „אונרראַ“ האָט געוואָלט ערנסט אָנהויבן העלפן יידן, האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז זי איז אָדער בלינד, ניט קענענדיק די פּראָבלעמען, וועלכע יידן דאַרפן בייקומען, אָדער איז געווען ניט גענוג פאַרשטענדיק כדי ריכטיק צו באַגרייפן די יידישע טראַגעדיע געגרינדעט מיטן ציל פאַר הילף און אויפבוי, קען זי צוליב אַרמיי-פּאָליטיק העלפן נאָר מיט פּערסאָנאַל. די געשיכטע פון דער ערשטער טייל פון איר אַרבעט אין

# דער צענטראל קאמיטעט

בײ א קרבן פון קאצעט האט עס געקענט זיין נישט מער װי א לוקסוס צו חלומען װעגן נאך ארויסגיין װען אויף דער פרײ. באטראכטנדיק די נעץ פון טויט, װאס ציט זיך סיסטעמאטיש צוזאמען איבער אים, קען ער, נאך די דערפארונגען אין געטא און קאצעט. שוין באצייטנס אויסרעכענען װען די לעצטע שפורן פון זיין לעבן װעלן אויך פארשװינדן. ניט קוקנדיק אבער אויף דעם, שפילט ער זיך מיטן געדאנק פון מעגלעכער פרייהייט. װי דו און איך שפילן זיך מיטן געדאנק: „װען איך װאלט געװען ג״.

„עס װעט קומען דער טאג, װאס װעט זיין אנדערש פון די פארגאנגענע — טורעט זיין גייסט צום הארצן צו. די גרויסע אליאירטע ארמײ װעט שטורעמען די מויערן פון לאגער. די שטאלענע, שטארקע שלעסער און רינגלען װעלן זיך בויגן און אונטערגעבן דער זיגרייכער ארמײ. קעמפער פון פרייהייט װעלן די מויערן צעשטעטערן. און די גרויסע װעלט פון גערעכטיקייט און מיטגעפיל װעט זיך צוזאמענעמען, בכדי אנטקעגן צו קומען יעדן פון די ליידנדע און דערװארעמען זיי. דאן װעט װערן זיין העלדנטום געלויבט, זיין קערפער באקליידעט און זיין גוטען דערקוויקט מיט די פרוכטן פון דער ערד״. און ער גלויבט אין זיינע חלומות, װייל עס איז אים אנגענעם אין אזוינס צו גלויבן.

דעם נס פון פרייהייט צו דערלעבן האבן זוכה-געװען נאר געציילטע טראָן דעם, װאס מען האט זיך װייניק געקימערט װעגן די טרויטען פון די אומגליקלעכע—איז עס דאך געװען פרייהייט.

כ׳האב געטראפן יידן גלייך נאך דער באפרייאונג.

די פאנצער טיילן האבן די לאגערן באפרייט, זייער מיסיע פארענדיקט און װייטער פארפאלגט דעם פיינט. גלייך נאך דעם קומט דער מעדיצינישער באטאליאן, כדי צו קעמפן מיט די קראנקהייטן, װעלכע האבן אין פארלויף פון די ערשטע װאכן אװעקגענומען הונדערטער לעבנס. אין לאגער בעלזן איז די צאל געשטארבענע נאך דער באפרייאונג געװען גרעסער פאר דער צאל לעבן געבליבענע.

װען כ׳שלים מיינע אויגן, דערשיינט פאר מיר דער ערשטער ייד װאס איך האב געזען, ער שטייט אפאטיש מיט אראפגעלאזטע הענט, אנגעטאן אין געשטרייפטע קליידער, װעלכע ער האט פון זיין פריערדיקן רעזשים באקומען. מאג איין, טאג אויס ־עמפט ער מיט זיין פרייהייט. אט דערגרייכט ער איר שוין, נאך זי אנטרינט פון אים. אט װיל ער זי אנכאפן, אבער זי װערט ניט די מענטשן, װאס האבן אים די פרייהייט געגעבן, װערן אים פרעמד. ער איז פרײ, אבער װייטאקדיק אליין אין זיין פרייהייט.

די געדאנקען און געפילן אפגעטעמפטע דורך די יארן דער װאכן צום לעבן. בילדער פון די טייערסטע און ליבסטע דערשיינען פאר זיינע אויגן און לאזן אים ניט רוען. אפשר-אפשר האט דער נס פון פרייהייט אויך זיי געטראפן? דער געדאנק װערט שטארקער, פארכאפט אים און טרייסט דעם איינזאמען יידן: „גײ! אייביקער װאנדערער דו, זוך דיינע טויטע און װעק זיי צום לעבן!״.

אלע װעגן און שטעגן זיינען פול מיט אט די אומגליקלעכע נפשות. באגעגנט זיך איינער מיטן צװייטן און זוכט אין די אויגן פון דעם אנדערן אן אנדייטונג, אז ניט אומזיסט איז זיין האפענונג.

אין דייטשן טוזעאום, װו עס הויבט זיך פאקטיש אן די ארבעט פון צענטראל-קאמיטעט. דערשיינט א געװיסן טאג א ייד און שרייבט אן זיין נאמען אויף דער װייסער װאנט. אין פיר טאגאטן ארום איז שוין די װאנט שװארץ פון אונטערשריפטן פון די יעניקע, װעלכע זוכן זייערע מענער און פרויען. װעגן קינדער האט מען די האפענונג באלד אויפגעגעבן, װייל עס איז געװען באװוסט, אז די אומזינבארע נאצי-מלחמה קעגן זיי איז מיט דייטשער פינקטלעכקייט דורכגעפירט געװארן.

דער צענטראל-קאמיטעט פון די באפרייטע יידן אין בייערן האט זיך געגרינדעט 6 װאכן נאך דער באפרייאונג. אלע װעגן זיינען דאן געװען איבערפולט מיט בעפרייטע, ציפעליק לעבן-געבליבענע, װעלכע האבן גלויבנדיק נאך אין נסים, פארצװייפלט געזוכט זייערע נאענטע.

אין ערשטן יידישן לאגער פון בייערן — פעלדאפינג איז אין יוני 1945 צענויפגערופן געװארן א קאנפערענץ פון די באפרייטע יידן. דא